בס"ד

# פרד"ס יהוד"ה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת חיי שרה תשע"ח** חיי שרה תשס"ט - חיי שרה תשע"ח **גליון 431 [שנה י']**

ברוך שהחיינו וקיימנו לזמן הזה דער גליון פרדס יהודה גייט שוין אן פון חיי שרה תשס"ט גליון א' און יעצט גיין מיר בעזה"י אריין אין שנה העשירית, א דאנק פאר די אלע וואס האבן געהאלפן פארשפרייטן דברי תורה און סיפורי צדיקים, און היינט 431 גליונות שפעטער זענען דא די צענדליכע טויזנטער ליינער'ס כן ירבו איבער די גאנצע וועלט און אז ומצא חן בעיני אדם איז דאס אויך ומצא חן בעיני אלקים. דער אויבערשטער זאל אייך אלעמען בענטשן און אונז געבן כח און געזונט מיטן אנגיין די הייליגע ארבעט

**אברהם און עפרון האנדלען וועגן די מערה**

וּפִגְעוּ־לִי בְּעֶפְרוֹן בֶּן־צֹחַר: וְיִתֶּן־לִי אֶת־מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה אֲשֶׁר־לוֹ.. וַיַּעַן עֶפְרוֹן הַחִתִּי אֶת־אַבְרָהָם בְּאָזְנֵי בְנֵי־חֵת לְכֹל בָּאֵי שַׁעַר־עִירוֹ לֵאמֹר: לֹא־אֲדֹנִי שְׁמָעֵנִי הַשָּׂדֶה נָתַתִּי לָךְ וְהַמְּעָרָה אֲשֶׁר־בּוֹ לְךָ נְתַתִּיהָ לְעֵינֵי בְנֵי־עַמִּי נְתַתִּיהָ לָּךְ קְבֹר מֵתֶךָ:... וַיְדַבֵּר אֶל־עֶפְרוֹן בְּאָזְנֵי עַם־הָאָרֶץ לֵאמֹר אַךְ אִם־אַתָּה לוּ שְׁמָעֵנִי נָתַתִּי כֶּסֶף הַשָּׂדֶה קַח מִמֶּנִּי וְאֶקְבְּרָה אֶת־מֵתִי שָׁמָּה: ... לְאַבְרָהָם לְמִקְנָה לְעֵינֵי בְנֵי־חֵת בְּכֹל בָּאֵי שַׁעַר־עִירוֹ: וְאַחֲרֵי־כֵן קָבַר אַבְרָהָם אֶת־שָׂרָה אִשְׁתּוֹ וַיָּקָם הַשָּׂדֶה וְהַמְּעָרָה אֲשֶׁר־בּוֹ לְאַבְרָהָם לַאֲחֻזַּת־קָבֶר מֵאֵת בְּנֵי־חֵת: (כג י יט) עס זענען דא עטליכע דיוקים א: אויב עפרון האט מסכים געווען אוועקגעבן די מערה בחנם פארוואס האט ער נאכדעם געבעטן געלט? ב: אמאל שטייט בְּאָזְנֵי בְנֵי־חֵת און אמאל שטייט לְעֵינֵי בְנֵי־חֵת, וואס איז די משמעות? ג: וואס איז געווען די משא ומתן צווישן אברהם און עפרון? נאר מו"ח הרה"ג ר' יוסף פרעססבורגער בעל תפארת יוסף זי"ע האט געהערט פון זיין רבי הגאון ר' יהודה אסאד זצ"ל א מהלך אין די פסוקים, באמת האט עפרון נישט געוואלט אוועקגעבן בחנם די מערה נאר ער האט זיך געשעמט פון די בני חת, און עפרון האט נאר מרמז געווען פאר אברהם אז ער וויל יא געלט פאר די מערה, האט עפרון געזאגט לֹא־אֲדֹנִי שְׁמָעֵנִי, זאלסט נישט פארשטיין אז איך מיין באמת דיר צו געבן א מתנה נאר דאס איז נאר לְעֵינֵי בְנֵי־חֵת, דאס מיינט פאר זייערע אויגן זאל עס אויסזען ווי א מתנה אבער דו פארשטייסט אליין אז דו מוזט גוט באצאלן פאר די מערה, נאר יעצט באגראב דיין מת און נאכדעם וועט מען זיך פארעכענען, נישט אין די אויגן פון די בני חת, אבער אברהם האט ערשטנס געוואלט אז עפרון זאל בעטן געלט און עס זאל זיין באזני בני חת, און נאך א כוונה האט אברהם געהאט אז די מערה זאל פריערט באלאנגען צו אים און נאכדעם באגראבן דארטן, דאס מיינט לֹא־אֲדֹנִי שְׁמָעֵנִי הַשָּׂדֶה נָתַתִּי לָךְ וְהַמְּעָרָה אֲשֶׁר־בּוֹ לְךָ נְתַתִּיהָ, און פריערט קְבֹר מֵתֶךָ: און נאכדעם באצאל, האט אברהם געזאגט אִם־אַתָּה לוּ שְׁמָעֵנִי נָתַתִּי כֶּסֶף הַשָּׂדֶה קַח מִמֶּנִּי, פריערט וויל איך באצאלן, וְאֶקְבְּרָה אֶת־מֵתִי שָׁמָּה: און נאכדעם באגראבן, האט עפרון נישט געהאט א ברירה און געמוזט אויסזאגן דעם אמת פאר די בְנֵי־חֵת, און דעריבער שטייט לְאַבְרָהָם לְמִקְנָה לְעֵינֵי בְנֵי־חֵת בְּכֹל בָּאֵי שַׁעַר־עִירוֹ: זיי האבן געזען די פאלשקייט פון עפרון און אברהם האט ערשט באצאלט פאר די מערה און וְאַחֲרֵי־כֵן קָבַר אַבְרָהָם אֶת־שָׂרָה אִשְׁתּוֹ. (בית ישראל השלם למוה"ז האדמו"ר ממאטטערסדארף זצוק"ל)

**פארוואס שטייט מאת בני חת און נישט מאת עפרון**

וַיָּקָם הַשָּׂדֶה וְהַמְּעָרָה אֲשֶׁר־בּוֹ לְאַבְרָהָם לַאֲחֻזַּת־קָבֶר מֵאֵת בְּנֵי־חֵת: (כג יט) פרעגן אלע מפרשים אז אברהם האט דאך געקויפט די מערה פון עפרון און נישט פון בני חת אויב אזוי פארוואס שטייט מֵאֵת בְּנֵי־חֵת און נישט מֵאֵת עֶפְרוֹן? נאר אברהם האט געוואוסט ווער עֶפְרוֹן איז און האט געזען זיין פאלשקייט וואס אין אנהייב וויל ער אוועקגעבן די מערה אומזיסט און נאכדעם בעט ער ד' מאות שקל כסף עובר לסוחר, ממילא האט אברהם מורא געהאט אז אפילו עפרון האט פארקויפט די מערה מיט געלט וועט ער טרעפן עפעס א וועג צוריק צו ציען פון דעם מקח, דעריבער האט אברהם געוואלט עס זאל זיין לעיני בני חת און באזני בני חת אז אלע זאלן זיין עדות אויף די מכירה און אויך אזוי וועט זיין א קול אז מען האט פארקויפט די מערה און קיינער האט נישט געהאט א תביעה אויף דעם. און דער הייליגער רוקח שרייבט אז די אלע בני חת האבן געחתמ'ט אויפן שטר מכירה, ממילא איז אברהם יעצט געווען פארזיכערט אז עפרון וועט שוין נישט קומען מיט טענות, קומט אויס אז נאר אין זכות פון די בני חת האט אברהם געהאט א שטארקע קנין אויפן פעלד און מערה, דעריבער איז גוט דער פסוק וַיָּקָם הַשָּׂדֶה וְהַמְּעָרָה דאס איז געשען נאר אין זכות מֵאֵת בְּנֵי־חֵת. (שמח זבולון תשע"ח)

**די מדת דרך ארץ פון רבקה**

וְהָיָה הַנַּעֲרָ אֲשֶׁר אֹמַר אֵלֶיהָ הַטִּי־נָא כַדֵּךְ וְאֶשְׁתֶּה וְאָמְרָה שְׁתֵה וְגַם־גְּמַלֶּיךָ אַשְׁקֶה אֹתָהּ הֹכַחְתָּ לְעַבְדְּךָ לְיִצְחָק וּבָהּ אֵדַע כִּי־עָשִׂיתָ חֶסֶד עִם־אֲדֹנִי: (כד יד) אסאך פרעגן וואס איז די ראיה פון דעם וואס די מיידל וועט זאגן שְׁתֵה וְגַם־גְּמַלֶּיךָ אַשְׁקֶה איז זי פאסיק פאר יצחק? אויך איז שווער אז אליעזר האט געמאכט א סימן אז אויב די מיידל וועט זאגן טרינק און אויך פאר דיינע גמלים, איז די מיידל פאר יצחק. שטעלט זיך א שאלה ווייל לכאורה איז דער סימן געווען אז זי וועט זאגן צוזאמען שְׁתֵה וְגַם־גְּמַלֶּיךָ אַשְׁקֶה און זי האט אבער געזאגט אנדערשט וַתֹּאמֶר שְׁתֵה אֲדֹנִי דאס מיינט טרינק מיין האר און וַתְּכַל לְהַשְׁקֹתוֹ וַתֹּאמֶר גַּם לִגְמַלֶּיךָ אֶשְׁאָב נאכדעם וואס ער האט געענדיגט טרינקען האט זי געזאגט זי וועט אנטרינקען די גמלים? נאר דער הייליגער אלשי"ך זאגט אז מיט דעם וואס רבקה האט געווארט ביז אליעזר וועט טרינקען און נאכדעם זאגן פאר די גמלים צו טרינקען איז דאס געווען א כבוד און דרך ארץ אז אליעזר זאל נישט מיינען אז רבקה איז אים מחשיב אזוי ווי די גמלים דעריבער האט זי געווארט ביז אליעזר ענדיגט טרינקען און נאכדעם האט זי געזאגט זי וויל אנפילן די גמלים, ממילא לויט דעם איז פארענטפערט די שאלה ווייל דאס אליין ווי די מיידל וועט זאגן וועט זיין א ראיה, ווייל אויב זי וועט רעכענען צוזאמען די טרינקען פון אליעזר מיט די גמלים ווייזט דאס אז זי האט נישט דרך ארץ און כבוד פאר אליעזר, קומט אויס אז אֹתָהּ הֹכַחְתָּ לְעַבְדְּךָ לְיִצְחָק וּבָהּ אֵדַע כִּי־עָשִׂיתָ חֶסֶד עִם־אֲדֹנִי, דאס גופא ווי אזוי זי וועט טאן, וועל איך וויסן צו דאס איז די ריכטיגע מיידל פאר יצחק. (שמח זבולון תשע"ח)

**פארוואס וויל אליעזר רעדן נאר פארן עסן**

וַיּוּשַׂם לְפָנָיו לֶאֱכֹל וַיֹּאמֶר לֹא אֹכַל עַד אִם־דִּבַּרְתִּי דְּבָרָי וַיֹּאמֶר דַּבֵּר: (כד לד) דארף מען פארשטיין פארוואס האט אליעזר נישט געוואלט זאגן

וואס ער דארף פאר ער האט געגעסן און נישט רעדן נאכן עסן? נאר אליעזר האט דאך געגעבן פאר זיי מתנות דורך רבקה, ממילא קומט דאס אים אז זיי זאלן צוריק באצאלן א טובה און דאס איז אז זיי זאלן פאלגן און טאן וואס ער בעט פון זיי, אבער אויב אליעזר וועט פריערט נעמען עסן פון זיי וועלן זיי האלטן אז זיי האבן שוין געהאט באצאלט די טובה, ממילא וועלן זיי נישט זיין געצוואונגען זיך צוהערן און פאלגן וואס אליעזר בעט פון זיי, דעריבער האט אליעזר נישט געוואלט רעדן נאר פארן עסן. (רלב"ג עה"ת)

## מדור העובדות

## דער הייליגער בעלזא רב היילט אויס א חולה וועגן א טובה וואס זי האט אמאל געטאן

א עלטערער איד וואס איז ערשט קאם ארויסגעקומען פון אונגארן נאך די מלחמה קיין א"י און זיין ווייב איז לא עלינו זייער קראנק געווארן און די דאקטוירים האבן געזאגט אז זיי האבן שוין נישט וואס צו טאן פאר איר און איר אהיים געשיקט און געזאגט אז זי זאל קומען איין מאל א וואך זיך אונטערזוכן, זייענדיג אין בני ברק האט ער געהערט אז דער הייליגער בעלזא רב ר' אהרן זיע"א איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל און געפינט זיך אין תל אביב איז ער געקומען צום צדיק בעטן א ברכה.

מען האט געדארפטווארטן א לאנגע צייט אריינגיין צום צדיק און דער אידווארט געדולדיג ביז איינס אזייגער נאך האלבע נאכט ווען דער גבאי הר' שלום פויגל זצ"ל רופט אים צו און שרייבט פאר אים א קוויטל, זיי גייען אריין צום רבין און דער רבי ליינט דעם קוויטל און פרעגט אים וואס זאגן די דאקטוירים? האט ער געענטפערט אז זיי זענען זיך מייאש אויף איר, האט דער רבי געגעבן א קרעכץ און געזאגט דער אויבערשטער זאל זיך מרחם זיין אויף איר.

דער איד נעמט שטאלץ און צו וויינט זיך שטארק און שרייט אוים: זאל דער רבי מיר צוזאגן אז זי וועט זיין געזונט! שרייט אויף אים דער רבי: בין איך דען א מלאך וואס קען צוזאגן? דער רבי גייט צום קראן און נעמט זיך וואשן זיינע הענט אסאך מאל און ער קוקט אן דעם איד און זאגט ער זאל ארויסגיין און ווארטן ביז אלע מענטשן וואס ווארטן וועלן ענדיגן און נאכדעם וועט מען אים רופן ער זאל צוריק אריינקומען. דער איד האט געפאלגט און פארשטאנען אז ער וועט אפשר יעצט קענען פויעלן א ישועה.

עס איז שוין געווען שפעט ווען דער רבי רופט אים אריין און פרעגט אים צו עס אזי דא עפעס א סיבה פארוואס ער זאל אים צוזאגן א רפואה? דער איד האט גלייך געפרעגט צו דער רבי האט געהערט פון דער שטאט סאלניק אין אונגארן? האט דער רבי געענטפערט אז יא, פרעגט דער איד צו דער רבי ווייסט אז זיין מומע די רעבעצן פריידא - וואס איז געווען די ווייב פון הרה"ק ר' שמחה ישכר בער הלברשטאם דער רבי פון צעצשינוב זצוק"ל וואס זי איז געווען די טאכטער פון הרה"ק ר' יהושע מבעלזא זיע"א- ליגט אין סאלניק? האט דער רבי געענטפערט אז יא.

פרעגט אים דער רבי וואס האט ער מיט זיין מומע די צעצשינובער רעבעצן? האט דער איד געענטפערט אז ער האט געוואוינט דארט און איך האב געהאנדלט מיט האלץ און איינע פון מיין מחסנים פון האלץ איז געווען נאנט צום באן סטאנצי', פלעג איך אפט דארטן זיין. איין טאג האט דער באן וואס פארט פון פעסט קיין ווין האט זיך אפגעשטאלט אין סאלניק און צוויי חשובע אידן זענען ארויסגעקומען פון באן און זיי זעהען אז איך בין א איד פרעגן זיי צו איך וואוין דא? און זיי זאגן מיר אז אין באן איז דא א רעבעצן די שוועסטער פון הרה"ק ר ישכר דוב פון בעלזא וואס זי איז נישט געזונט און דארף פארן קיין ווין צו דאקטוירים אבער יעצט איז זי געווארק שטארק שלאף און די באן וועט נישט פארן ווייטער מיט איר אין אזא מצב, דעריבער אויב ער ווייסט ביי וועמען קען די רעבעצן זיין דא אין שטאט ביז זי וועט קענען פארן ווייטער קיין ווין?

איך האט געזאגט אז איך וועל איר נעמען ביי מיר אין שטוב, און צוויי פרויען זענען ארוים פון באן מיט די רעבעצן און זיי זענען געקומען ביי מיר אין שטוב. מיין ווייב האט זיך איבער געגעבן מיט די רעבעצן אזוי ווי א אייגן קינד און איר געטריי באדינט זעכצן וואכן און נישט אוועק פון איר, ביז זי איז נסתלק געווארן אין סאלניק און מען האט איר דארטן געלייגט, פרעגט דער איד דעם רבין: פארדעם קומט נישט אז דער רבי זאל שיקן א רפואה פאר מיין ווייב? די ווערטער האבן געמאכט א רושם ביים צדיק און מיר געהייסן איך זאל נאכאמאל ארויסגיין און ווארטן ביז מען וועט מיר רופן.

עס איז שויין געווען כמעט טאג און דער גבאי רופט אים אריין און דער רבי הייסט דערלאנגען נאכאמאל די ערשטע קוויטל און דער רבי נעמט דאס ליינען אזוי ווי עס איז א נייע קוויטל און דער רבי טראכט און פרעגט וואס זאגן די דאקטוירים? און דער איד ענטפערט קלוגערהייט: זיי זאגן זי וועט זיין געזונט! רופט זיך אן דער רבי: זיי זאגן ריכטיג, זי וועט זיין געזונט און מער נישט דארפן גיין צו א דאקטאר!

דער אויבערשטער האט געהאלפן און זיין ווייב איז בדרך נס געווארן אינגאנצן געזונט און זי האט געלעבט נאך זעכצן יאר! ווען זי האט זיך אמאל נישט געפילט גוט און מען האט איר געפרעגט צו מען זאל רופן א דאקטאר? האט זי געענטפערט מיט אמונה פשוטה, דער בעלזא רב האט צו געזאגט מיין מאן אז איך וועל מער נישט דארפן גיין צו א דאקטאר! און זי איז נישט געגאנגען צו א דאקטאר זעכצן יאר. דער רבי האט איר באצאלט א טובה פאר באדינען זיין מומע די רעבעצן. זיע"א

**דער גליון איז לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל כ"א תמוז תשע"ז**

***הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן***

ספר גבעת פנחס על איוב מהמגיד מפאלצק תלמיד הגר"א נדיר מאוד $2000. חומש עם פירוש שם אפרים ותוצאות חיים טשערנאוויץ תרי"א $5000 שו"ת חת"ם סופר ב' כרכים עם חתימות הצדיקים ממעליץ קראקא ר' יעקב הורוביץ ור' אלעזר הורוביץ $2000 ספר עם חתימת הרה"ק ר' אביש מקראלא עם קמיע $7000, ספר מטה אפרים שייך להגאון ר' אברהם פאם $180 הרבה ספרים עם חתימות של צדיקים ספר טל חיים ליסקא שייך להרה"ק ר' יהושע הלברשטאם מדאלינא $1000, ספר מנוחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל $1500, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר' חיים בנימין גראס ממונקאטש, א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ם זצוק"ל, א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת"י געקויפט פון חפץ חיים אליין $3000 ספר גבורת ארי מוגה ע"י חפץ חיים $400 שו"ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר' מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000 , מעבר יבוק דפוס זיטאמיר $1000, ברית אברהם דפוס ראשון $1800 , ספר היכלות הזהר עם פירוש הגר"א דפו"ר שייך להגאון ר' שמואל העללער $2000, א אלטע זילבערנעם שטעקן פון דער טאלנא רבין פון פילאדעלפיה איבער 150 יאר אלט $2000, חומש דברים דפוס זיטאמיר עם אור החיים הק' $1000, דגל מחנה אפרים דפוס זיטאמיר $1800, מטבע לכבוד הרבי מליובאוויטש $100 שקל צורי מזמן הבית עם ציור אלכסנדר מוקדון $600

**If you have good condition older seforim bring them in to us at no charge 4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f**
**Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at**
***WWW.SEFORIMWORLD.COM***